# בית יעקב
## חודש זשורנאַל

אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילען
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן

ארכיון אסופות

**דער ציעל פון די בית-יעקב שולען:**
צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל׳ס היסטאָרישע אייביגקייט׳ס - אידעאַלען.

הארכיון היהודי

אַבאָנאָמענטספּרייז: א יאָהר 8 זלאָ.
אויסל.: 2 דאָלאַר. — געלד פּריהעראַריס.

אדרעס פאַר געלד:
Łódź, P. K. O. 65.613

**דאָס פּראָגראַם פון בנות אגודת ישראל:**
גייסטיגע-ערפילונג און דער יודישער פרוי אין דער לעבונג פון די יודישע פּראָבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה.

נומער 49

7 יאַרגאַנג

# ווער האָט געווינען אונזערע* ערשטע 25 פּרעמיעס?

אָנהויב היינטיגען חודש האָבּען מיר דורכגעפיהרט די הגרלה פון די ערשטע 25 ביכער-פּרעמיעס פאַר אונזערע פריינד. אין דער הגרלה זענען אריינגעגאַנגען 1) אַלע יעהרליכע אַבאָנענטען, וואָס האָבען געהאָט איינגעצאָהלט אויפ׳ן יאָהר תר״ץ 2) אַלע, וואָס האָבען געהאַט פריינד-קאַרטען נאָך פון יאָהר תרפ״ט 3) די אַלע וואָס האָבען אונז געשאַפען לכה״פ 10 קוואַרטאַל-אַבאָנענטען אויף תשרי—כסלו.

זוכה געווען בגורל האָבען: 1) רייזל ראָזא (וואַרשא) — אַ בוך „רבי לוי יצחק בערדיטשעווער". 2) יהודית ווייסבעקער בענדין—„יובילעאום-בוך לכבוד דר. נתן בירנבוים". פּראַכט-באַנד. 3) קיילא אַלעקסאַנדראָוויטש (גריצע)—אַ געבינדענעם קאָמפּלעט „קינדער-גאָרטען". 4) נטע פלונסקער (שערפּץ) — א באַנד „לעהמאַנ׳ס ערצעהלונגען". 5) טויבע הענענבערג (כרזאַנאָוו) — אַ קאָמפּלעט „קינדער-גאָרטען". 6) פרל. לעווענהאָף (טשענסטכאָוו) — „דורך בלוט און פייער" (צוויי טיילען). 7) פרל. קאַדזיאָל (בעלכאַטאָוו)—אַ בחנם׳דיגען חודש אַבאָנענט „דאָס יודישע טאָגבלאַט". 8) פרל. בייטנער (סאָסנאָוויעץ)— א בוך „ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער". 9) פרל. טרויבע בלאשקי—„דורך בלוט און פייער". (צוויי טיילען). 10) פרל. באַקלאַרז (שעראַדז) — א באַנד „לעהמאַנ׳ס ערצעהלונגען". 11) פייגא ראַטענערג (יאַראָסלאַוו)—אַ קאָמפּלעט „קינדער-גאָרטען". 12) שבתי שיינפעלד (פּיעטרקאָוו) — א בוך „ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער". 13) פרל. שטייער (קינצק) — „דורך בלוט און פייער" (צוויי טיילען). 14) מלכה קוטנער (מאַקאָוו) — א בוך „דער וועג צו קידוש השם". 15) ברכה וויינמאַן (שידלאָוויעץ) — קאָמפּלעט „קינדער-גאָרטען". 16) צבי מאַרגענשטערן (וויערבזניק) — אַ יובילעאום-בוך לכבוד דר. נתן בירנבוים. 17) פרל. נאָוואָמיאַסט (סטערצאָוו) — אַ בוך „ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער". 18) פרל. נאַשעלסקא 10 ביכער „לעהמאַנס ערצעהלונגען". 19) פאַמיליע יאַסקאָוויטש (לאָדז) — א קאָמפּלעט „בית-יעקב-זשורנאַל" (פינפטער און זעקסטער יאָהרגאַנג, געבינדען). 20 פרל. יהודית קאַמינער (ניי-שטאָט) — א בוך „חנוכה און דער זיג פון די השמונאים". 21) הרבנית חי׳ אלטער (גער) — אַ קאָמפּלעט „קינדער גאָרטען". 22) פרל. טויבע (ווישקאָוו) — אַ בוך „ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער". 23) בלומא קליין (קאָלאָמיי) — „יובילעאום בוך לכבוד דר. נתן בירנבוים", פּראַכט-באַנד. 24) פרל. בראַנד (קערנאָזשע) — אַ קאָמפּלעט „בית-יעקב-זשורנאַל" (צוויי יאָהרגענג, געבינדען. 25) רויזא בוכמאַן (וואַרשא) — 5 ביכער „לעהמאַנס ערצעהלינגען".

אַלע פּרעמיעס ווערען אין די חנוכה-טעג אַרויסגעשיקט צו די געווינער.

# 75 נייע פּרעמיעס בעשטימען מיר אויפ׳ן יאָהר 1930
### צווישען זיי פיל וויכטיגע און ווערטפולע פּרעמיעס

אין די נייע פּרעמיעס ווערען קענען זוכה-בגורל זיין: 1) די וואָס וועלען במשך דעם ערשטען חודש פון בירגערליכען יאָהר 1930 איינצאָהלען פאַר אַ גאַנץ יאָהר אַכט זל. 2) די וואָס וועלען ווערבירען לכה״פ 10 קוואַרטעל אַבאָנענטען און איינשיקען די 20 זל. ביז׳ן פינפצענטען טבת, אָדער פינף האַלב-יעהרליכע אַבאָנענטען.

די אַדמיניסטראַציע

# אַבאָנירט דעם בית-יעקב-זשורנאַל אויפ׳ן יאָהר 1930 פאַר אַכט זלאָטעס!

בית יעקב לכו ונלכה באור ה׳
(ישעי׳)

# בית־יעקב־זשורנאל

ערשיינט יעדען ראש־חודש

אשה יראת ה׳ היא תתהלל
(משלי)

ב״ה לאָדז, כסלו תר״ץ, זיבעטער יאָהרגאַנג | № 49 | Łódź, Grudzień 1929 rok VII

# אונזער ווערבירונגס־חודש

(געווידמעט די תרומת־חברה־אַקציע)

אונזער יונגע בנות־בעוועגונג—איז אין דעם היינטיגען חודש געשטעלט געוואָרען פאַר אַ עפּענטליכען נסיון: די פּראָקלאַמירטע ווערבירונגס־אַקציע בעדייט אַגרויס געשעהעניש אין אונזער אָרגאַניזאַציע־לעבען!

בעגניגען מיר זיך מיט דעם, וואָס מיר האָבען שוין דערגרייכט, אָדער מיר בעטראַכטען דאָס דערגרייכטע פאַר וועניג? צי האָבען מיר שוין יוצא געוועזן דערמיט, וואָס דאָ און דאָרט האבען אונזער אידעאַל אויפגעכאַפּט איינצעלנע טריי־געבליבענע יודישע טעכטער, אָדער מיר האַלטען, אַז אונזער אידעע דאַרף די ברייטע יודישע פרויען־מאַסען אַרומנעמען?

אַ דין־וחשבון פאַר דידאָזיגע ערנסטע פראַגען מוזען אונזערע מוטיגע עסקנות אין יעדען אָרט זיך אָפּגעבען.

ארכיון אסופות

פון אונזער אַלטער פאָלק־געשיכטע דערטראָגט זיך צו אונז די מעכטיגע שטים: לאָז דיך נישט בעגניגען מיט דעם, וואָס דו האָט שוין געטהון, מיינסטו, אַז דו האָסט שוין אַלץ געטהון, ווייס אַז דו האָסט נאָך גאָר נישט געטהון!

ווי אַזוי האָט זיך געפיהרט די ערשטע מאַמע פון ישראל! אויף אונזער מוטער שרה ווערט געזאָגט „ושרה מגיירת הנשים" זי האָט זיך נישט בעגעניגען געלאָזט דערמיט וואָס איהר מאַן, איהר קינד, איהר אייגענער פאַמיליע, זענען שוין געוועזן איינ־ מיט איהר אידעאַל—צו וועניג איז דאָס! מיט איהר אמת׳ער אידעע איז זי אַוועק צו די ברייטע פרויען־קרייזען, און די שטאַרקסטע פּראָפּאַגאַנדע געפיהרט פאַר איהר! אָ, די ערשטע פון אונזערע גרויסע אמהות, טאַקע זי האָט די ערשטע ווערבירונגס־אַקציע געפיהרט און מיט אַזאַ געשיכטליכען רוהם!

און אין דעם וועג האָבען זיך אין יעדען דור, טויזענדער יאָהרען אַזוי, געהאַלטען אונזערע מוטער, יעדע איינע האָט צוגעפלאַכטען אַרינגעלע ביז עס איז אויסגעפלאָכטען געוואָרען די גרויסע גאָלדענע קייט, וואָס האָט פעסט, אַזוי אומנאַטירליך שטאַרק צונויפגעהאַלטען דאָס פאָלק ישראל עד היום!

און וואָס זאָל יעצט געשעהן? מיר בנות שרה, רבקה, רחל ולאה. וועלכע לעבען אין אַזאַ היסטאָרישער שעה, פאַר גאַנץ ישראל, דאַרפען דען נישט, פון אונזער פערגאַנגענהייט לערנען און טאַקע אויך אַ ביישפּיל פאַר דער צוקונפט ווערען?...

אונזער בנות־אידעאַל ווייסען מיר אַלע; איז די אייביגקייט־אידעע פון יודישען פאָלק, פון דעם עם־קדוש, פון דעם נביאים־פאָלק, פון דער איינציגער נאַציע אויפ׳ן ערד־קויל, וואָס די גאַנצע מענשהייט שטעהט מיט הכנעה געבויגען פאַר זיין איידעלער קולטור, פאַר זיינע אוצרות פון גייסטיגער עשירות!

אַלס אגודיסטישע טעכטער איז אונזער אויפגאַבע דעריבער אַזוי גוט ווי די אגודיסטישע זיהן צו פערברייטערן, אונזער געדאַנק צווישען די ברייטסטע קרייזען פון אונזערע שוועסטער!

אונז וועגען דער העלדען־טהאט פון דער היסטאָרישער יהודית, דאַרפען מיר וויסען איז אַ דעצידירענדער מאָמענט פאַר דער יודישער טאָכטער. דער ערפאָלג פון דער תרומת־חברה אַקציע וועט זיין דער בעסטער בעווייז פאַר דער גאַנצער וועלט ווי גרויס עס איז נאָך די צאָהל פאָלק־ און תורה־טרייע יודישע טעכטער, וואָס די אידעאַלען פון ג—ט׳ס פאָלק זענען זיי נאָהנט צום האַרצען!

און דאָס דאַרפען טאַקע אויך נעמען אין אַכט, אונזערע אידעען־פריינדינס; אפילו אין די ערטער, וואו עס עקזיסטירט נאָכנישט אָפיציעל קיין בנות־אָרגאַניזאַציע, אויך דאָרט, וועלען אונזערע אידעאַלע שוועסטער געוויס אָפּשאַצען די בעדייטונג פונ׳ם תרומת־חברה, אַלס התחלה טאַקי צו געווינען די ערשטע אָנהענגער פאַר דעם בנות־געדאַנק.

ניין, די תרומת־חברה אַקציע וועט אונז נישט פערשעמען, מיר זענען זיכער אין אונזער ערפאָלג!

הארכיון היהודי

בת אביחיל

# פערענדיגט מיט ערפאָלג די תרומת־חברה־אַקציע!

מיר פאָדערן אויף דיסציפלינאריש אלע בנות־גרופען ביז ראש־חודש טבת שפּעטסטענס צו פערענדיגען די תרומת חברה אקציע. דאס געלט דארף זאפארט איבערגעשיקט ווערען אויף דער לאדזער האנדעלס־קרעדיט־באנק פ. ק. א. 65.500.

די קוויטאַנציעס דאַרפען צוגעשיקט ווערען אין צ. ס. אין דעם זעלבען טאָג. תיכף נאָכ׳ן דערהאַלטען דאָס געלט וועלען די זאַמלער בעקומען די ספּעציעלע עהרען־מיטגלידס־קאַרטען און זייערע נעמען וועלען זיין פערעפענטליכט אין קומענדיגען יובל־נומער פון בית־יעקב־זשורנאַל!

נ. ב. די וואָס ווילען דערהאַלטען תרומת־חברה ביכלעך, ווערען געבעטען זיך צו ווענדען אין צ. ס.

**צענטראַלע בנות אגודת ישראל אין פוילען**

ווען דידאָזיגע שורות וועלען פון אונזערע חברות געלייענט ווערען, וועט יעדע איינע שוין בעשטימט האָבען געטהון איהר פליכט און איהר אויפגאַבע פאַר דער ווערבירונגס־אַקציע שוין האָבען בשלימות ערפילט. דאָך שאַדט נישט צו דערמאָנען: דער היינטיגער חודש, גראָד דער חודש, וועלכער דערצעהלט

—לעב רוהיג; קיינער זאָל דיך נישט שעדיגען. זאָל אויף דיר קיינער קיין אָנפאַל נישט מאכען; אָבער געגענזייטיג זאָלסטו אויך קיינעם נישט טהון קיין שלעכטס. „דעלך סני לחברך לא תעביד" (שבת ל״א) קיינעם נישט אַטאַקירען, אויך איז דער מיין: דו זאָלסט מיט דיר אַליין, לעבען צופרידען, דער קערפער זאָל דעם גייסט נישט רואינירען. עס זאָל צווישען זיי זיין אַ גלייכע שטעלונג;ביידע זאָלען האַרמאָנירען, זאָלען געניסען עמאַנציפּאַציע. זיין שלום! דאָס איז דער יודישער סימבאָל!

און דער העלעניזם, וועלכער איז אַ קאָנטראַסט פונ׳ם יודענטום, האָט זיך אַריינגעריסען און אַריינגעשניטען אינ׳ם יודישען פאָלקס־אָרגאַניזם. דער ווענוס־קולט פערצווייגט זיך, און יופיטער האָט גערעכענט אַז ער פעריאָגט דעם ג—ט פון ישראל.

*

„עס איז געשעהן מיט 2094 יאָהר צוריק, אַנטיוכוס עפּיפיאַנוס, קעניג פון גריכענלאַנד איז בעפאַלען ארץ־ישראל, האָט אויסגעקוילעט די בעסטע יודען, מעהר ווי צעהן טויזענט האָט ער געפאַנגען, זייערע פרויען און קינדער האָט ער פאר שקלאַפען פערקויפט. פון דער רעזידענץ איז אתל געוואָרען. דעם בית־המקדש האָט ער בערויבט, צוגענומען די גאָלדענע מנורה מיט׳ן טיש, דאָס פּרוכת, ער האָט פעראָרדענט, אַז אין בית־המקדש זאָל מען אַריינשטעלען דעם יופיטער און דאָרט מקריב זיין אַ חזיר, מיט דעם בלוט בעשפריצען אַלע הייליגע זאַכען. ער האָט בעשטימט אַלס כהן גדול איינעם א משומד* מענעלוס, וועלכער האָט אויפגעהעצט אנטיוכוס׳ן צו בענוצען גוואלד געגען די יודען. אַז זיי זאָלען איבערגעהן צום גריכישען גלויבען און דינען די עבודה זרה. אַנטיוכוס האָט בעפוילען, אַז ווער עס וועט מל זיין א קינד, ווער עס וועט היטען שבת, עסען כשר, לערנען תורה, וועט בעשטראָפט ווערען מיט׳ן טויט. דאַן זענען געשלאָסען געוואָרען אלע בתי־מדרש און תלמוד־תורות. מיט געבויגענע קעפּ בלייבען טרויריג די לעהרער און די שילער. א פינסטערער נעבעל האָט זיך פערצויגען איבער יהודה, קיין שטראַהל פון האָפנונג אויף בעסערע צייטען; דאָס לעבען ווערט אונערטרעגליך!

„דעמאָלט האָט אין אַ קליין שטעטעל, מודיעים, נישט ווייט פון ירושלים, געלעבט א פאַמיליע חשמונאים (מאגנאַטען). וועלכע איז בעשטאַנען פון אַן אַלטען פאָטער מתתיהו כהן, מיט זיינע פינף זיהן: יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר, יונתן. ווען דער הויפטמאַן אַפּאַלוס איז געקומען צווינגען די יודען צו דינען די עבודה־זרה און א משומד האָט מקריב געווען א חזיר אויף דעם מזבח, האָט מתתיהו איהם דערשטאָכען מיט זיין שווערד. דער ארויסטריט איז געווען א סיגנאַל צו קעמפען געגען די גריכען. מתתיהו הויבט אויף די פאָהן פון אויפשטאַנד, און עס שליסען זיך אָן איהם צוויי טויזענט חסידים. דער הונדערט־יעהריגער מתתיהו קלעטערט אויף בערג און פעלזען צו קעמפען. זיין זוהן יהודה מכבי, דער העלדישער אָנפיהרער, מארשירט מיט זיין שווערד און דונערט מיט זיין לאָזונג: „לה׳ הישועה"! ג—ט איז מיט אונז! אויך די אַנדערע פיער זיהן, מיט די בלאנקע שווערדען אין די הענט, לאָזען זיך מיט אימפעט אין דעם גריכישען לאַגער, אַלע דורכגעדרונגען מיט איין געדאַנק צו פערטיידיגען די תורה און ראַטעווען דעם יודישען כבוד. ג—ט האָט געהאָלפען. די יודען בעקעמפען די גריכען! דערנאָך רייניגען זיי דאָס לאַנד פון די געצענבילדער. מען שטעלט צוריק די עבודה. מען בענייט דעם בית־המקדש. מען פראָקלאַמירט חנוכה. מען פייערט יום־טוב מיט אילומינאַציעס אַכט טעג. דאָס יודענטום זיעגט. דער העלעניזם איז פערשווינדען. מען מאכט אַן אנדענקען צו דעם זיג. נישט מיט מאַרמארנע מאָנומענטען נאָר מיט אָנצינדען ליכט — „חנוכה ליכט"!

פיל דורות זענען פערשווינדען, מעכטיגע רעגירונגען זענען פון דער ערד אָפּגעווישט געוואָרען, פון אַנטיוכוס׳עס דינאסטיע איז קיין זכר נישט געבליבען: אַפילו אין אַ מוזעאום קאָנט איהר איהם נישט זעהן. דאָס אלטע גריכענלאנד עקזיסטירט נישט מעהר. אָבער די קליינע, שוואכע ליכטלעך האַלטען פלאַץ. מעהר ווי צוויי טויזענט יאָהר שיינען זיי, און מיר פאַנטאזירען, אַז מיר הערען זייער רעדען מיט אונז און מיר פערשטעהן וואָס זיי דערצעהלען אויף זייער שטילער ליכט־שפּראַך.

איך וויל די בעדייטונג דאָ געבען:

1) די ליכטלעך ערקלערען: אַז דער קריג איז נישט געפיהרט געוואָרען צוליב מאַטעריעלע נוצען, נאָר פרינציפּיעל צו ראַטעווען די תורה, דעם דת, וואָס אַנטיוכוס האָט פערפאָלגט. אויך איז נישט געווען דער מאָטיוו „נאַציאָנאַליזם" ווי אייניגע בעהויפּטען און כאראקטעריזירען יהודה המכבי אלס וועלטליכען העלד, אַלס פראָזאַאישען ריז. ווען ער וואָלט איצט געהערט די מיינונג, וואָלט ער אַרויסגעטראָטען מיט א שטארקסטען פּראָטעסט געגען אַזאַ אויסגעטראַכטער פלאַטפאָרמע. חנוכה איז נישט קיין יום־טוב פון נאַציאָנאַליזם אָהן תורה. נישט צוליב פרייהייט האָבען די חשמונאים רעוואָלטירט און זייער לעבען געאָפּפערט. די יודען האָבען לאַנגע צייטען רוהיג געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון כּורש מלך פרס און אַלכסנדר מוקדון און האָבען קיין שום אויפשטאַנדען נישט געמאַכט. בלויז אַנטיוכוס׳ן האָבען זיי נישט געקאָנט פערטראָגען און פערדייען, ווייל ער האָט געצילט זיין שפּיז אין הארץ: „להשכּיחם תורתך". ער האָט ווייגעצווינגען אוועקצוּוואַרפען די תורה. דער הייליגער גייסט האָט געטראָגען די השמונאים אויף זיינע פליגעל אין קאמף און זיי האָבען געזיגט. דעם טריאומף פון „אש־דת", דעם זיג פון דער פייערדיגער תורה, פייערען מיר מיט פייער: „הנרות הללו קודש הן"!

2) די ליכט לערנען אונז: אַלע פערמעגענס, וואָס אַ מענש קריגט אַלס א געשאנק, וואָס ער האָט נישט דורך זיין ארבייט פערדינט, איז נישט אנגענעהם. וויכטיג איז נאָר דאָס, וועלכעס ער קאָן בעטיטלען: דאָס איז מיין אויסאַרבייטונג; איך אליין האָב עס פּראָדוצירט! — ווען מיר מאכען אַן איבערבליק אויף אַלע אַנדערע ימים טובים, געפינען מיר אז אַלץ איז נישט אונזער פּראָדוקט. דער הערליכער פסח — ג—ט האָט אונז בעפרייט פון מצרים, פון שקלאפעריי, דורכגעפיהרט דעם רויטען ים; מיר, פון אונזער זייט, האָבען גאָרנישט געלייסטעט (ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו — ואתם תחרישון). דער גייסטיגער שבועות, — מיר האָבען די תורה בעקומען אַלס מתנה (וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק). „סוכות", דער אגרי־קולטור, דער פאַרמער, דער גרינער לולב, דער שענסטער אתרוג, די פרישע הדסים. די ווערבעס—נאַטירליכע ערד־פּראָדוקטען, אַמוסטער פון אונזער לאַנד לעבען. דער לוסטיגער „פורים" — ליארעמט מיט נסים, וואָס ג—ט האָט בעשאַפען. ביי די אַלע ימים־טובים זענען מיר געבליבען פּאַסיוו, מיר האָבען געהאלטען אין איין נעמען, בלויז דער איינציגער „חנוכה"—דאָ האָבען מיר וועלטען אויפגעטהון! דאָ זענען מיר בעלי־בתים, א קליין הייפעל מענשען האָט געקעמפט געגען דער מעכטיגער רעגירונג — געגען די גריכען, און האָט געזיגט מיט איהר אייגענער קראַפט, אָבער אויך נאָר אַ דאנק דעם בטחון אין ג—ט.

3) די ליכט דערצעהלען, אַז די חשמונאים זענען געווען ווייניג, שוואַך, און דאָך האָט זיך זיי איינגעגעבען. די קליינע גרופּע האָט צושמעטערט דעם אַטלעט, פעריאָגט דעם ריז. דאָס יודישע פאָלק איז געוואַקסען מעכטיג. אויב מיר האָבען נישט היינט קיין גרויסע קראַפט. מיר זענען אָרים—זאָלען מיר נישט גרינגשעצען דאָס קלענסטע. זאָלען מיר שאַפען לויט אונזער מעגליכקייט: א טראָפען צו אַ טראָפען—און די מאָס ווערט פול! בעטראכט אונז, ליכטעלעך, ווי פיזיש שוואך מיר זענען; קליין איז אונזער שיין, אונבעדייטענד, קוים, קוים, — „הנרות הללו!" — און דאָך עקזיסטירען מיר שוין טויזענטער יאָהרען, מיר עריננערין די אַלטע טראַדיציע צו ווירקען געגען די פערשידענע אסימילאַציעס, פעריאָגען די פינסטערניש מיט אונזער הייליגען פלאַם—הנרות הללו!

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

4) די חנוכה-ליכט גיבען אונז אַ סיסטעם, זיי ערקלערען דעם מאָטיוו פון דעם יודישען נצחון. מתתיהו האָט בעקעמפט די גריכען נאָר מיט דער ווירקונג פון זיינע פינף זיהן, וועלכע זענען געווען די זיילען, די אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציע און האָבען פערניכטעט דעם שונא. דער העלעניזם האָט קאַפּיטאַלירט, די אַסימילאַציע איז געבראָכען געוואָרען. מיר האָבען אַלץ צו פערדאַנקען דער גוטער ערציהונג, וואָס מתתיהו האָט זיי געגעבען, איינפלאַנצענדיג אין זיי העלדענטום און מוט. זיי האָבען איינגעוויגען אין זייער בלוט אויפאָפּערונג פאַר תורה, דת און פאָלק.

— מאי חנוכה? — וואָס האָט פעראורזאַכט דער נצחון?

— „חנוכה"—די ערציהונג; „מתתיהו כהן גדול ובניו", מתתיהו'ס קינדער, די ערציהונג האָט אונז געגעבען די בעריהמטע העלדען, די שטאָלצע קעמפער, די מאַקאַבעער. „חשמונאי ובניו"—יונג און אלט זענען געווען צוזאַמענגעגאָסען. געאַרבייט שותּפות האַנט אין האַנט. דאָס האָט געבראַכט דעם ערפאָלג!

— בימים ההם — בזמן הזה. מיר זאָלען בענוצען דעם זעלבען סיסטעם, די זעלבע טעכניק. וואָס איז געווען זאָל זיין! זאָלען מיר קאָנצענטרירען אלע אונזערע כחות פאַר דעם צוועק צו געבען אונזערע קינדער א רעליגיעזע ערציהונג, צו גרינדען תּלמוד-תּורות און ישיבות, זאָלען מיר ווידמען אונזער ענערגיע און אָנשטרענגונג אויף „חנוכה" זאָל מיר נאָר האלטען און ערציהען גוט די קינדער. „להדליק נר של חנוכה"! — די יוגענד איז אונזער נר תּמיד, דאָס אייביגע ליכט פון יודענטום, דאָס איז די פעסטונג פונ'ם פאָלק. אויב די יונגע אַרמעען וועלען זיין בני-תּורה, געטריי דער טראַדיציע, די קליינע ליכט וועלען אויפשטייגען צו פאַקעלען, וועלכע וועלען פערשיינען מיט „תּורה אור" דאָס גאַנצע יודענטום, די גאַנצע וועלט.

## ארץ-ישראל-בילדער


אברהם אבינו'ס שול אין חברון.


די שטאָט צפת אין ארץ-ישראל.

אליעזר שינדלער, מינכען

רעם דיכטער און מאָלער
אוריאל בירנבוים — ווין
מיט גרויס כבוד!

# חנוכה

## אין די קליינע שטילע שטיבעלעך,
## לעבען אומעטיגע שויבען,
## ברענען ליכטלעך היימיש-ליבליך,
## רייבע, ווי די ווייסע טויבען...

## לייכטען יודישלעך-בעשיידען,
## יעדעס פלעמעלע יעדע קנויט:
## זיי דערמאָנען אַלטע פריידען
## וועקען האָפנונג אין דער נויט...

ארכיון אסופות

בן-פלס

# אַ ליכטעל...

אַ ליכטעל צינד אָן אין שטוב און גאַס,
פלאַקערן זאָל עס סודות'דיג און שטיל,
אַוועקבלאָזען וועט עס קנאָה און האַס,
אָן איהם וואַרימען וועט זיך ווער ס'וויל.

אַליכטעל צינד אָן פאַר קליין און גרויס,
לייכטען זאָל עס אין די פינסטערע נאַכט.
לעגען וועלען מיר זיך אין דיין שויס
און זוכען שוץ אין דיין הימעלס-מאַכט.

אַליכטעל צינד אָן דרויסען אויפ'ן פעלד,
ואו דו קעמפסט געגען כפירה און פייגד.
פערבלייבען וועסטו דאַן גאָר אַ העלד —
דער מאָרגען איז דיין, ווען נישט דער היינט!

אַ ליבטעל צינד אָן אין דיין גראָה האַרץ,
פערטרייבען זאָל עס יאוש און פיין,
פעריאָגען וועט עס קומער און שמערץ
און דיין לעבען וועט זיין גליק ריין!

אָ, דו חנוכה-ליכטעל פול פראַכט און חן.
דו העראָלד פון לעבען און הערליכקייט—
בליץ-אויף אין דיין שטראַהלען-גלאַנץ און שיין
און געוועלטיג איבער די ווירקליכקייט!

פון
רבי משה חיים לוצאטי
זצ״ל

# דער וועג פון די פרומע
## (מְסִלַּת יְשָׁרִים)

פריי יודיש דורך
**א. ז. פרידמאַן**

# דאָס ערשטע קאַפּיטעל

## דער חוב פון מענש דאָ אויף דער ערד.

וואָס איז די גרונדלאַגע פון פרומקייט, און דער וואָרצעל פון עכטער רעליגיעזער בעשטעטיגונג (עבודה)? — אַז דער מענש זאָל בייַ זיך קלאָר ווערען וואָסאַרע פליכטען ער האָט צו ערפילען דאָ אויף דער ערד און צו וואָס ער זאָל ווענדען זיין בליק, זיין שטרעבען און טראַכטען ביי אַלע זאַכען, וואָס עס קומט איהם אויס צו בעגעגענען בעת זיין לעבען אויף דער ערד.

און אַט האָבען אונז די חכמים געלערנט, אַז דער מענש איז נאָר בעשאַפען געוואָרען צום צוועק, צו פרעהען זיך מיט ג—ט און צו געניסען פון זיין שכינה-הערליכקייט, דען דאָס איז די אמת'ע פרייד און דאָס גרעסטע פערגניגען פון אַלע תענוגים אויף דער וועלט. דאָס אָרט פון דעם אמת'ן תענוג איז אייגענטליך די צווייטע וועלט (עולם הבא), וועלכע איז באַלד בעשאַפען געוואָרען מיט די געהעריגע פאָרבערייטונגען דערצו, נאָר דער וועג דורך וועלכען מען קען קומען צו אַט דעם ענדע-ציעל געהט דורך די איצטיגע וועלט (עולם הזה), ווי עס הייסט ביי די חז״ל אין פרקי אבות1): „די דאָזיגע וועלט איז אַ פאָדער-הויז פאַר יענער וועלט". און די מיטלען, דורך וועלכע מיר דערגרייכען דעם דאָזיגען ציעל זענען די געבאָטען, וואָס דער בעשעפער, געלויבט זאָל ער זיין, האָט אונז געגעבען. דאָס אָרט אָבער אויסצופיהרען די דאָזיגע געבאָטען, איז נאָר די דאָזיגע וועלט. דעריבער ווערט דער מענש ערשטענס אַראָפּגעגעבען אויף דער וועלט, כדי אַז דורך די דערמאָנטע מיטלען, וועלכע ער האָט דאָ די געלעגענהייט צו טהון, זאָל ער קענען דערגרייכען צום אָרט, וואָס איז פאַר איהם פאָרגעבערייט אין יענער וועלט און דאָרט געניסען פון גליק וואָס ער האָט זיך דאָ ערוואָרבען. ווי עס זאָגען דאָס אונזערע חכמים2) „הייַנט מוזט דו די געבאָטען טהון, מאָרגען בעקומסט דו דיין לוין". די העכסטע שטופע דערגרייכט מען אָבער נאָר דורך די פולשטענדיגע איבערגעגעבענהייט און צוגעבונדענקייט (דביקות) צו ג—ט, ווי עס זאָגט דוד המלך3): „און איך, ביי מיר איז דאָס גליק די נאָהנטקייט צו ג—ט", אָדער ווי אין אַ אַנדער אָרט4): „איינס האָב איך שטענדיג געבעטען ביי ג—ט און דאָס פערלאַנג איך ווייטער, אַז איך זאָל ווייל'ען אין ג—ט'ס הויז אַלע טעג פון מיין לעבען", דען נאָר דאָס איז דאָס אמת'ע גליק און אַלעס אויסער דעם, וואָס די מענשען בעטראַכטען אַלס גליק, איז נאָר נאַרישקייט, פוסטקייט און גאָרנישט. אָבער ערווערבען זיך דאָס דאָזיגע גליק קען מען נאָר דורך מיה און אַרבייט, די קראַפט פון מעשים, דאָס הייסט: די אויספיהרונג פון די געבאָטען, ברענגט צו אַזעלכע פאָלגען, — צו דער נאָהנטקייט פון ג—ט.

נו, אָבער האָט ג—ט אַראָפּגעגעבען דעם מענש אין אַזאַ אָרט ווי ס'זענען פאַרהאַן פיל קרעפטען, וואָס ווירקען אַוועקצוּרייסען איהם פון ג—ט, דאָס זענען די זינליכע לײדענשאַפטען, וואָס ווערענדיג נאָכגעצויגען נאָך זיי ווערט ער ממילא יואָס אַמאָל מעהר דערווייטערט פון זיין אמת'ן גליק, און אַזוי איז דער מענש שטענדיג פערוויקעלט אין אַ שווערען קאַמף. אַלעס וואָס איז איהם צוגעטיילט דאָ אויף דער ערד, דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע, איז פאַר'ן מענש אַ נסיון: אָרעמקייט פון איין זייט און רייכטום פון דער אַנדערער זייט. „האָב איך צופיל צו דער זעט, קען איך לייכט פערלייקענען און פרעגען ווער איז ג—ט, בין איך אָרים קען איך די האַנד אויסשטרעקען צו פרעמד אייגענטום און פערשוועכען ג—ט'ס נאָמען"5).

אַזוי אויך בעדראָהען איהם דאָס גליק פון איין זייט און די ליידען פון דער אַנדערער, — ער האָט אַלזאָ דעם קאַמף פון אַלע זייטען און ווען ער ווייזט זיך אין דאָזיגען קאַמף אַלס העלד און געהט אַרויס אַלס זיגער, דאַן האָט ער דערגרייכט די פאָלקאָמענהייט, און דאָס גליק צו געהערען אינגאַנצען זיין בעשעפער, דאַן טרעט ער אַרויס פון פאָדער-הויז און קומט אַריין אין פּאַלאַץ צו לייכטען מיט'ן ליכט פון אייביגען לעבען.

און וואָס מעהר ער האָט דאָ זיין נאַטירליכען טריב און זיינע ליידענשאַפטען אונטערדריקט, וואָס מעהר ער האָט זיך דערווייטערט פון דעם אַלעם, וואָס פערפרעמדען פון איהם דאָס אמתע גליק און זיך בעמיהט צו זיין איבערגעגעבען זיין ג—ט — אַלס מעהר ערוואַרט איהם דאָרט זיין גליק, פרייד און תענוג.

פערטיפט מען זיך ווייטער זעהט מען, אַז די וועלט איז נאָר בעשאַפען געוואָרען פאַר'ן מענש און דעריבער הענגט זי אָפּ אינגאַנצען אין דער לעבענס-פיהרונג פון מענש. ווערט ער נאָכגעשלעפט נאָכ'ן ערדישען און דערווייטערט זיך פון זיין בעשעפער, דאַן פערדאַרבט ער זיך זעלבסט און מיט זיך רייסט ער מיט די גאַנצע וועלט. בעהערשט ער זיך אָבער, גיט זיך איבער זיין בעשעפער און בענוצט נאָר די וועלט אַלס מיטעל איהם צו דינען, דאַן שטייגט ער אַליין וואָס אַמאָל העכער און מיט איהם די גאַנצע וועלט. דען ס'איז אַגרויסע דערהויבונג פאַר אַלע בעשעפענישען ווען זיי בעדינען דעם פאָלקאָמענעם, דעם הייליגען מענש. אַזוי ווי עס זאָגען אונזערע חכמים6) וועגען דעם ערשטען ליכט, וואָס איז בעהאַלטען געוואָרען פאַר די צדיקים: „און ווען דאָס ליכט האָט געזעהען אַז ג—ט האָט עס בעהאַלטען פאַר די צדיקים האָט עס זיך געפרעהט" און וועגען יעקב'ס שטיינער וואָס ער האָט זיך געלייגט צוקאָפּענס זאָגען זיי7): „אַלע שטיינער האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אויף איין אָרט, יעדער האָט געזאָגט: זאָל אויף מיר דער צדיק זיין קאָפּ לייגען". דאָס ווילען אויך זאָגען אונזערע חכמים אין מדרש קהלת8): „ווען ג—ט האָט בעשאַפען אדם הראשון האָט ער איהם אין גן-עדן אַרומגעפיהרט, געוויזען אַלעביימער און געזאָגט צו איהם: זעה, ווי שעהן, ווי הערליך עס זענען מיינע ווערק! אַלעס וואָס איך האָב בעשאַפען האָב איך נאָר פאַר דיינעטוועגען בעשאַפען, לייג אַכט דערויף, אַז דו זאָלסט נישט מיין וועלט פערדאַרבען און פערוויסטען".

קורץ! דער ציל און צוועק פון מענש איז נישט זיין דאָזיין, דאָ אויף דער ערד נאָר זיין דאָזיין אויף יענער וועלט, און זיין ווייל'ען דאָ איז נאָר אַ מיטעל צו דערגרייכען דעם ענדע-ציעל—יענע וועלט. דעריבער ווערען אונזערע חכמים נישט מיד, צו שילדערן די איצטיגע וועלט אַלס דאָס אָרט און די צייט פון פאָרבערייטונג און יענע וועלט אַלס דאָס אָרט פון רוהה און געניוס. אויסער די אויבענדערמאָנטע ווילען מיר פערצייכנען פון פיל אַנדערע אויך פאָלגענדע מאמרים: „ווער עס האָט זיך בעמיהט אין ערב שבת דער וועט געניסען אין שבת"9) אָדער: „די וועלט איז גלייך צו דער יבשה און יענע וועלט צום ים, גרייט מען

1) אבות פ״ב. 2) עירובין כב. 3) תהלים עג — כח. 4) תהלים כז — ד.

5) משלי ל—ט. 6) חגיגה יב. 7) חולין צא. 8) קהלת רבה פ״ז. 9) עבודה זרה ג.

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

זיך נישט אָן אויף דער יבשה וואָס זאָל מען דען עסען אויפ׳ן ים ?״ 10) א. אַז. וו.

און ווירקליך! צו קען דען איינער ביי אַ פערנונפטיגער איבערלייגונג, דערין גלויבען, אַז דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען בעיקר פאַר זיין דאָזיין אויף דער ערד? וואָס איז דען דאָס לעבען פון מענש דאָ אויף דער וועלט? ווער איז דען ווירקליך פרעהליך און גליקליך דאָ אויף דער ערד? „אונזער לעבען דויערט זיבציג יאָהר און אין בעסטען פאַל אַכציג יאָהר, און מעהרסטענטייל זענען זיי פול מיט מאַטערניש און נישטיגקייט״ 11), וויפיל ליידען, קראַנקהייטען, שמערצען און אונרוה! און דאַן קומט דער טויט! צווישען טויזענד וועסט דו געפינען איינעם, וואָס די וועלט דאָ זאָל איהם געבען אמת׳דיגען גענוס און פרייד, און זאָגאַר דער איינער, — ווערט ער הונדערט יאָהר אַלט, דאַן ווערט ער אַנ׳עבר ובטל און שטאַרבט אָפּ פון דער וועלט.

און אויסער דעם, אויב דער מענש וואָלט ווירקליך בעשאַפען געוואָרען נאָר פאַר דער איצטיגער וועלט, צו וואָס האָט געדאַרפען אין איהם אַריינגעהויכט צו ווערען די נשמה, וואָס איז אַזוי הויך און ערהאבען און פערנעמט אין דער רייהע פון די בעשאַפענע וועזענס א העכערן ראַנג פון די מלאכים? האָט זי דאָך נישט קיין שום פרייד פון אַלע גענוסען פון דער וועלט, ווי אונזערע חכמים שילדערן עס אין מדרש 12): „די זעלע ווערט קיינמאָל נישט בעפרידיגט 13) — פונקט ווי אַ פרינצעסין, וואָס האָט געהייראַט מיט אַ קליינשטעטילדיגען, האָט ביי איהר קיין ווערט נישט די גרעסטע אוצרות, וואָס ער ברענגט איהר. אַזוי אויך די זעלע: דו מעגסט איהר ברענגען אַלע קאָסטבאַרקייטען אין דער וועלט, איז עס ביי איהר גאָרנישט, ווייל זי שטאַמט פון אויבען״. און אין פרקי אָבות 14) הייסט עס: „געגען דיין ווילען ווערסטו געבילדעט, און געגען דיין ווילען ווערסטו געבוירען״. ניין, די נשמה האָט נישט ליב די איצטיגע וועלט און זי איז איהר נאָך פערמיאוסט. צי איז עס זיצן אַלזאָ, אָנצונעמען, אַז ג—ט האָט די נשמה בעשאַפען צו אַ צוועק, וואָס עטשפרעכט נישט איהר וועזען און איז איהר נאָך אָבשוילעך?

עס מוז אַלזאָ זיין, אַז דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען נאָר פאַר יענער וועלט און דעריבער איז איהם געגעבען געוואָרען די נשמה, ווייל זי איז עס די רעכטע אַרבייטערן און מיט איהר הילף קען דער מענש דערגרייכען זיין לוין אויפ׳ן ריכטיגען אָרט און אין דער ריכטיגער צייט, און דאַן איז שוין דידאָזיגע וועלט נישט ביי איהר פעראַכטעט, נאָר ליב און ווערטפול.

ווייסען מיר נאָר דעם דערמאָנטען כלל, דאַן בעקומען מיר אויך דאָס ריכטיגע פערשטענדניס פאַר די בעדייטונג פון די געבאָטען און פאר דעם ווערט פון די רעליגיעזע טהאַטען (עבודה), דען דאָס זענען דאָך די מיטלען, וואָס פיהרען אונז צו דער ריכטיגער פערפאָלקאָמונג און אָהן זיי קען מען גאָרנישט דערגרייכען. און ווי ס׳איז בעקאַנט, קען דערגרייכט ווערען אַ געוויסער ציל, נאָר דורכ׳ן צוזאַמענעמען אַלע מיטלען און וועגען, וואָס דינען דעמדאָזיגען ציל און דער רעזולטאַט איז אַפּהענגיג אין די מיטלען און אין דעם אופן ווי זיי זענען בענוצט געוואָרען; איז ממילא יעדער קלענסטער פעהלער, וואָס שלייכט זיך אַריין אין דער רייהע פון די מיטלען, מוז זיך אונבעדינגט דייטליך אָפּרופען אין דער צייט ווען דער לעצטער ציל ווערט דערגרייכבאַר. פון דעם איז אַלזאָ קלאָר, אַז די ערפילונג פון די געבאָטען אין אונזער רעליגיעזער בעטעטיגונג, מוז זיין מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט און זאָרגפעלטיגקייט פונקט ווי מען וועגט גאָלד אָדער פערל, דען די רעזולטאַטען, וואָס זיי דאַרפען אונז געבען זענען דאָך די אמת׳דיגע פערפאָלקאָמונג און פון אייביגען ווערט, וואָס קיין העכערס דערפון גיבט עס נישט.

אַזוי איז עס אַלזאָ: דער אייגענטליכער בערוף פון מענש דאָ אויף דער ערד איז צו ערפילען ג—ט׳ס געבאָטען, איהם צו דינען און אויסצוהאַלטען דעם נסיון; די גענוסען פון דער וועלט דאַרפען איהם נאָר דינען אַלס הילפס-מיטעל, אַז זיי זאָלען בערוהיגען זיין געמיט און ערהאַלען זיין גייסט, כדי ער זאָל זיך קענען פולשטענדיג ווידמען דער דינסט, וואָס ליגט אויף איהם. זיין גאַנץ שטרעבען אָבער מוז זיין געריכטעט צו ג—ט, און ביי אַלעם, וואָס ער טהוט, מעג עס זיין קליין און אונבעדייטענד, מוז איהם פאַר די אויגען שוועבען דער ציל: צו זוכען די דערנעהנטערונג צו ג—ט און אַדורכצוברעכען אַלע שייד-ווענד — די מאַטעריעלע און ערדישע זאַכען—וואָס שיידען איהם אָפּ פון זיין בעשעפער, ביז ס׳זאָל איהם ציהען צו זיין ג—ט, אַזוי ווי דער אייזען צום מאַגנעט. רעכענט ער נאָר ערגיץ ווי אַ מיטעל צו געפינען צו דערדאָזיגער ג—ט׳ס דערנעהנטערונג, זאָל ער אַלעס אָנווענדען עס צו דערגרייכען, דערין זיך פעסטהאַלטען און נישט אָפּלאָזען. רעכענט ער ווידער ערגיץ ווי צו דערזעהען אַ שטערונג דערצו, זאָל ער אַנטלויפען דערפון ווי פון אַ פייער, ער זאָל זיך זאָגען צוזאַמען מיט׳ן תהלים-זינגער 15): „מיין זעלע שטרעבט צו דיר און הענגט אין דיר, זאָל מיך אונטערהאַלטען דיין רעכטע האַנד״. דען — מיר ווידערהאָלען עס — דער ציעל פון מענש דאָ אויף דער ערד איז צו דערגרייכען די נאָהנטקייט פון ג—ט און זיך צו פערהיטען פון אַלעס וואָס דערווייטערט און שטערט דידאָזיגע נאָהנטקייט.

נאָכדעם ווי מיר זענען זיך שוין קלאָר געוואָרען איבער דעם דאָזיגען גרונדפרינציפּ, וועלען מיר ווייטער בעהאַנדלען אונזער געגענשטאַנד אין איינצעלנעם, און נעמליך אין דער רייהע .ווי רבי פנחס בן יאיר האָט זיי אינ׳ם אויבענדערמאָנטען מאמר 16) געאָרדענט. מיר וועלען אַלזאָ בעשפרעכען די פאָרזיכטיגקייט, די אייפעריגקייט, די לויטערקייט, די צוריקהאַלטונג, די ריינקייט, די פרומקייט, די בעשיידענהייט, די פורכט פאַר דער זינד און די הייליגקייט. נו, הייבען מיר אָן מיט ג—טס הילף.

(ענדע פון ערשטען קאַפּיטעל)

10) קהלת רבה פ״א. 11) תהלים צ׳ יוד. 12) קהלת רבה פ״ו. 13) קהלת ו ז׳. 14) אבות פ ד כ״ב. 15) תהלים סג—ט. 16) זעה פאָרוואָרט.


זאָרגט פאַר דער תורה!!!
זאָרגט פאַר איהרע
לעהרער און שילער!
געדעבקט אין חנוכה
דעם קרן התורה!!!
15.000 ישיבה-בחורים!
300000 חדרים און ת״ת תלמידים!
30.000 בית-יעקב שילערינס!
וואַרטען אויף דער הילף פון
קרן התורה!
נדרים און נדבות נעמען אָן:
די לאַנדעספערוואַלטונגען פון קרן התורה
פאַר פוילען: צענטראַלע „קרן התורה״, ווארשא, גראַניטשנא 9.
און די קרן התורה צענטראַלע אין וויען:
קרן-התורה-צענטראַלע וויען II., לעאָפּאָלדגאַס 26
באַנק-קאָנטאָ: צענט.-אייראָפּ. לענדערבאַנק, ווין I עקספּאָזיטור קאַי

# די ראָלע פון דער פרוי אינ׳ם יודענטום

פון גימנאַזיאַל־דירעקטאָר פראָפ. מ. געץ, ריגע
יודיש: דר. מ. ראָזנער

(המשך)

די געשלעכטליך פערשידענארטיגע אייגענשאפטען און די צו זיי צוגעפּאסטע מיסיע פון דער פרוי, פיהרען אָבער דורכאויס נישט צו דער בעגרעניצונג פון איהר שטאאטס־בירגערליכער און ציוויל־רעכטליכער שטעלונג. ביי יודען האָט קיינמאָל נישט געהערשט דער באַרבאַרישער מנהג, די פרוי צו קויפען אָדער פערקויפען אָדער גאָר זי אַוועקצורויבען, וואָס די גריכען האָבען אפילו צוגעשריבען זייערע געטער (פּלוטאָן). די יודען איז אויך פרעמד די מיטעלאַלטערליכע ראָמאַנטיק וועגען ריטערליכען שוץ פון דער „שוואַכער פרוי", ווייל ביי יודען, אויך אין אלטען ארץ ישראל, איז נישט געווען קיין „שוואַכע פרוי", די פרוי איז געווען גענוג שטאַרק דורכ׳ן שוץ פון דעם אלגעמיינעם רעכט, דורך איהר פולער גלייכבערעכטיגונג מיט׳ן מאַן אַלס מענש. נאָך צו דער צייט פון * משה רבינו האָבען צלפחד׳ס טעכטער פערשטאַנען ווי אַזוי צו פערטיידיגען זייער רעכט אויף דער ירושה. ג—ט אליין האָט זיך פאַר זיי אָנגענומען מיט די ווערטער: „די טעכטער צלפחד׳ס האָבען ריכטיג געזאָגט 14).

„אין יחזקיה׳ס בית המדרש האָט מען געלערנט: ס׳שטעהט געשריבען: „און ער האָט גע׳הרג׳ט אַ מאַן אָדער אַ פרוי" 15), די תורה האָט אַלזאָ פעסטגעזעצט אַ גלייכע שטראָף פאַר הרג׳ענען א פרוי, ווי פאַר׳ן הרג׳ענען אַ מאַנספערשוין. פון דער צווייטער זייט האָט מען אין רבי ישמעאל׳ס בית המדרש געלערנט: ס׳שטעהט געשריבען: „ווען אַ מאַן אָדער אַ פרוי בעגעהען עפּעס א זינד געגען א מענש" 16). די תורה פערגלייכט אַלזאָ די פרוי צו דעם מאַן אין בעצוג אויף דער בעשטראָפונג פון קרימינאַלע פערברעכענס. אינ׳ם בית המדרש פון רבי אליעזר האָט מען געלערנט: „דאָס זענען די געזעצען, וואָס דו זאָלסט זיי (די בני ישראל) פאָרלעגען" 17), די תורה האָט אַלזאָ גלייכגעשטעלט די פרוי מיט׳ן מאַן אין ציוויל־רעכטליכער בעציהונג 18). די תורה גלייכט די פרוי צו דעם מאַן דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען פערגיטיגונג פאר א שאָדען 19).

הארכיון היהודי

אַ גרונד־זאץ לויטעט: „אַלע געבאָטען, וועלכע זענען אונאָפּהענגיג פון דער צייט (שלא הזמן גרמא), זענען גלייך אָבליגאַטאָריש פאַר מענער, ווי פאַר פרויען, נאָר פון געבאָטען, וועלכע זענען פערבינדען מיט אַ געוויסען צייט־פונקט (שהזמן גרמא) און פאָדערן עפּעס אָ טהון, אַ מעשה, איז די פרוי בעפרייט (ווייל זי קאָן נישט שטענדיג דיספּאָנירען מיט דער צייט 20).

בעריקזיכטיגענדיג די געשלעכטליכע אייגענשאַפטען פון זער פרוי, ווי צ. ב. איהר בושה־געפיהל און צניעות, וואָס פערורטיילט זי צו פּאַסיוויטעט, ליגט אויפ׳ן מאַן די פליכט צו גרינדען א פאמיליען־לעבען און אויסצוהאַלטען די פרוי און די קינדער 21), אָבער נישט אויף דער פרוי. צוליב דעמזעלבען טעם איז די פרוי פּריוויליגירט אין פאָלגענדען פאַל: ווען אין דעם געריכט דאַרף פאָרקומען אַ פּראָצעס פון א מאַן און אַ פּראָצעס פון אַ פרוי, דאַן מוז צוערשט פאָרקומען דער פרוי׳ס פּראָצעס 22), דאָס זעלבע אויך אין ערטער, וואו מען פּערט׳ילט דעם מעשר עני 23).

דיזעלבע פּריווילעגיעס האָט די פרוי אויך אין אנדערע פאלען: „ביי אַ קליינער ירושה מוז מען צוערשט פערזאָרגען די טאָכטער און זאָרגען פאַר זייער אויסהאלטונג, אָבער די זיהן קאָנען געהן בעטלען" 24), דעסגלייכען, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אויסהאלטען יתומים, יונגלעך און מיידלעך, אָדער צו העלפען זיי חתונה צו מאכען 25). „די פרוי האָט דעם פּאָרצוג דאָרט, וואו מ׳דאַרף אונטערשטיצען מיט קליידער אָדער אויסצולייזען פון דער געפאַנגענשאפט" 26). „אַנ׳אלמנה, נישט קיין חילוק, צי זי איז רייך, צי אָרים, טאָר מען ביי איהר נישט נעמען קיין משכן" 27). מיט ריקזיכט דערויף, וואָס די פרוי ווערט פריער רייף 28), ווערט זי שוין ביי 12 יאָהר מיט איין טאָג פוליעהריג און זי האָט דאָס רעכט לויט דער אייגענער וואהל, חתונה צו האָבען און זי קאָן ערווערבען אַנ׳אייגענטום אויף איהר נאָמען 29)

(המשך קומט)

---

14) במדבר כז, ז. 15) שמות כא, כט. 16) במדבר ה׳. 17) שמות כא, א. 18) בבא קמא טו ע״א. 19) ספרי נשא ב. 20) קדושין א ע״ב, לה ע״א 21) תוספתא יבמות ח. 22) יבמות ק ע״א. 23) דאָרט. 24) כתובות יג ע״ב. 25) דאָרט סז ע״א. 26) הוריות ג, ע״ב. 27) סנהדרין כא, ע״א. 28) נדה יד ע״א, 29) כתובות מ׳ ע״א.

---

דער זעלנער, וועלכער האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט דעם רעוואָלווער, האָט זיך אַביסעל אויפגעהאַלטען און איצט טהוט ער מיט אַמאָל צוריקציהען דעם רעוואָלווער, צי בעדענקט ער זיך, אַז ער געהט טויטען אַ וועהרלאָזן יונגעל? צי דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט דאָרט אין דערהיים, אויף דער וואָלגא אָדער אין די סיבירישע סטעפּעס, איבערגעלאָזט קינדער?...

האָסטו נישט קיין מאַמע?—פרעגט דער קאָזאַק.

— ניין!

— און אַ פאָטער?

— אויך נישט!

— ווייסט דו נישט,ווירקליך, דעם וועג צום באַרג־וואַלד? יודעל שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אין דער ברייט.

אַוועק פון דאַנען וואָס שנעלער, וויפיל נאָר דיינע פיס קאָנען דיך דערטראָגען, האָט פערענדיגט דער קאָזאַק בעפעהלעריש, נעמענדיג פון יודלען אָבשיד מיט דערלאַנגען איהם אַ פּאָר קלעפּ, פון וועלכען ער פאַלט צו דר׳ערד.

ארכיון אסופות

אַזוי איז יודעל געלעגען אויף דר׳ערד ביז די פלשתים זענען שוין געווען גאַנץ ווייט אַוועקגעריטען, דאַן דערהויבט ער זיך פון דר׳ערד, און מיט אייליגע שנעלע טריט, ביי וואָס די פיס דערטראָגען איהם קוים — אַזוי־ווי די קאָזאַקען האָבען איהם בעפוילען—לויפט ער צום באַרג־וואַלד, וואו עס געפינט זיך דאָס אונגאַרישע מיליטער.

די געטרוימטע מתנה האָט ער נישט געברענגט, דען די פלשתים האָבען פון איהם אַלץ צוגענומען, פונדעסטוועגען איז ער געוואָרען פריינדליך אויפגענומען דורך דעם אונגאַרישען מיליטער. זיין וועג־איבערלעבעניש האָט דעם מאַיאָר שטאַרק פעראינטערעסירט, וועלכער האָט געקאָנט פון זיין ערצעהלונג פאַלען אויף די שפּורען פון שונא.

יודעל האָט געמוזט נאָך איינינע טעג זיין אין דער מיליטער־מחנה, אמת קיין גליות האָט ער דאָרט נישט געזעהען. אָבער מיט דעם טיטול העלד איז ער געוואָרען בעשאָנקען און אויך בעקומען די געשטרעבטע בעלוינונג: אַפּאָר זעלנערישע שטיוועל.

מיט דעם ערשטען צוריקקעהרענדען עטאַפּען־טראַנספּאָרט, ווערט יודעל געברענגט אין דער הויפּט־שטאָט אַריין, וואו גוטע מענשען אינטערעסירען זיך מיט איהם, זיי פערשאַפען איהם צו עסען און זאָרגען וועגען זיין צוקונפט.

איבערזעצט דורך: ר. אלט


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 049 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# די פרוי פון דער חשמונאים-עפּאָכע / משה • ציבאָוויץ

## חנה און יהודית.

איז עס נישט מערקווירדיג? שוועסטערן זענען זיי געוועזן, חנה און יהודית, קינדער פון איין צייט. פון דער גרויזאַמער אַנטיוכוס-עפּאָכע ענטפלעקט זיך פאַר אונז די ערשטע, אַנ׳עדות פון בלוט איז זי — אַנ׳עדות פון האָפנונג און קראַפט איז די צווייטע, יהודית. חנה, די מוטער פון זיבען קינדער, וועלכע זענען אומגעקומען דורך דעם סירישען טיראַן, אַנטיוכוס. ער האָט געוואָלט מיט זיינע אַלע מעגליכקייטען זעהן ישראלס אונטערגאַנג און פערניכטונג. נישט די קערפערליכע פערניכטונג, נאָר דעם חורבן פון דעם יודישען גייסט.

איז דען נישט בעסער, שענער, לאָקענדער און גליקליכער דאָס לעבען פון די העלעניסטען? און דאָך, שטאַרבען זיבען קינדער חנה׳ס, אַ טויט פון מאַרטירער, קדושים!

דער זיבעטער, דער לעצטער, ווערט־אַרויסגעפיהרט... מיין קינד, בעט זיך ביי איהם דער טיראַנישער מושל, רייכטום און גליק ווינקען פאַר דיר. אַ הויפּטמאַן מיט אַ שיינעם אוניפאָרם, יאָ מיין ליבער קליינער פריינד, ווועסטו ווערען, ווען דו ווועסט נאָר זעהן אַנ׳ערקענען די פּרינציפּען פון העלעניזם,* און דו, מוטער־חנה, ווילסטו נישט דעם זיבעטען, דעם לעצטען צו ריידען פאַר דעם גרויסען גליק, וואָס וואַרט אויף איהם?

יאָ, דאָס וויל איך דאָך טאַקי גליק איהם פערשאַפען און בויגענדיג זיך צום קליינעם קינד, רעדט זי קלאָרע דבורים: מיין ליבער זוהן! דערבאַרעם זיך איבער דיין מוטער, וועלכע האָט דיך ניין חדשים געטראָגען אונטער איהר האַרצען, און צוויי יאָהר דיך געזויגט און אויך שפּעטער דיר נאַהרונג געגעבען און דיך ביז היינט דערצויגען, איך בעט דיך ליב קינד, בליק אויפ׳ן הימעל און די ערד, און זעה, דאָס אַלץ איז פון גאָרנישט געמאַכט געוואָרען, דורך דעם אייביגען ג—ט! דו זאָלסט נישט קיין מורא האָבען פאַר דעם דאָזיגען טיראַן. זאָלען דיינע ברידער פאַר דיר אַלס ביישפּיל זיין, ווי זיי האָבען מקדש השם געוועזן...

און דער קליינער ווענדעט זיך מיט אַ פעסטע שטימע צום קעניג: וואָס וואַרטסטו דען נאָך? איך בין געהאָרכזאַם דעם קעניג, אָבער נישט דעם ערדישען קעניג נאָר דעם מלך מלכי המלכים. און דו, מערדער פון מיין פאָלק, ווועסט אויך פאַר׳ן אייביגען קעניג מוזען אָפּגעבען אַ דין וחשבון פאַר דיינע נידערטרעכטיגע מעשים און דער טאָג פון ג—ט׳ס נקמה, וועט סוף כל סוף קומען.

פול מיט צאָרן ווערט אַנטיוכוס. מערדערליך איהם טויטען איז געוועזן דעם אכזר׳ס בעפעהל. פאַר דער מוטערס אויגען שטאַרבט מיט אַ גרויזאמען טויט דער לעצטער פון איהרע קינדער. און דו קינדערלאָזע מוטער — זיסער וואָלט שוין געוועזען דיין טויט צוזאַמען מיט די קינדער דיינע. און די לעפּצען פון דער מוטער בעוועגען זיך און זי זאָגט „געהט אַרויף מיינע קינדערלעך צום פאָטער אברהם און זאָגט איהם: גרעסער איז אונזער מוטער חנה, ווי דו, דען זי האָט זיבען קינדער מקריב געווען שטאָט איינעם". און דאָס אַרויסזאָגענדיג קומט זי אום אַלס מאַרטירערין אויף קידוש השם...

אזוי האָט פערשטאַנען אַ יודישע פרוי דעם זין פון הייליגער יודישקייט און הייליגער ביז דער — העכסטער מדרגה — קינדער־ערציהונג, ווערענדיג אַ מוסטער פאַר די יודישע מוטערס... חנה און יהודית זענען שוועסטער פון איין צייט און איין עפּאָכע, דער מוסטער פון „קדוש השם" דורך בלוט איז די ערשטע, און דער מוסטער פון קדוש השם און אָפּפערקייט. דורך האָפנונג און קראַפט איז די צווייטע, יהודית.

## די הערשערין

אין די טעג פון אלכסנדר ינאי, האָט בלוט געריגען אַזוי ווי וואַסער... אַ ברודער־האַס האָט געהערשט ארום דעם טראָן פון די חשמונאים׳ס קינדער און אייניקלעך, און ברודער־בלוט האָט פערניכטעט דאָס בעסטע און דאָס איידעלסטע פון יודענטום, זיינע לעהרער. סיריער און אַראבער, די אדומים און מואבים איז ער מנצח, אָבער אין ארץ ישראל הערשט נישט קיין שלום. דאָס פאָלק בלוטיגט פון זיין טיראַנישער ממשלה. זעקס טויזענט אויסדערוועהלטע קינדער פון יודענטום ווערען געטויטעט דורך זיינע זעלנער און לייב-גוואַרדיע, אין דעם הייליגען און שמחתדיגען יום טוב־סכות. עס הערשט א ווירוואַר און אַ בירגער־קריג אין ירושלים. א בלוטיגער שאַנד־פלעק הענגט אויף דעם שטערן פון גרויזאַם-אכזריותדיגען אלכסנדר ינאי, בעשמוצענדיג דעם הערליכען נאָמען פון דער פיעטעטפולער אַנערקענטער חשמונאים־דינאַסטיע.

און די „פרושים" די עליטע פון יודענטום נישט וועלענדיג, בעצאָהלען זייער לעבען מיט אַ גרויזאַמען טויט, מוזען פערלאָזען ארץ ישראל און עמיגרירען אין שכנות׳דיגען מצרים, עד יעבור זעם.

אָבער זעה: צו זיין ממשלה נעמט אויך א סוף. פול מיט

און אין מח געבערנט און מיט דער גאַנצער קראַפט האָט ער אַ זאָג געטהון:

— רבונו של עולם, העלף מיר! איך טהו אַ נדר, איך זאָל מעהר שוין נישט שפּילען!...

— — — — — — — — — — — — — —

ביי בורלאָק׳ן אין שענק טהוט זיך חושך. די לייט פון דער קאַרוזעליע, וואָס זענען ערשט פון אַפּאָר טעג היע, זענען פשוט מכשפים; מ׳האָט זיך שוין גוט צוגעקוקט, צי שפּילען זיי ביינאַכט אַמאָל „שפּיגעל" אָדער געזונאַטשעטע קאָרטען. און כמעט אַלע דאָ האָבען שוין ביז׳ן לעצטען גראָשען פערשפּילט ביי זיי. יאַקוב דער רעזורניק האָט שוין ביי זיי אַוועקגעלעגט אַ מאַיאָנטיק, און אַחוץ׳ן באַרע-געלט אויך אַלע פינגערלעך פון די הענט־אַראָפּ און אַ גאַנצען באַרג מיט מלבושים פערשפּילט; צוויי טעג נאָכאַנאַנד, ווי די רעזורע איז איינגאַנצען געשלאָסען; די שטוב נישט אָנגעקוקט—און ער זיצט נישט אָפּ...

שפּעט ביינאַכט. יאַקוב האָט שוין דאָס לעצטע געטהון: אין די הוילע אַרבעל איז ער געבליבען שטעהן ווילד, ווי אַ חיה, האָט ער דעם פּאַלטאָ מיט׳ן קראַקולענעם קאָלנער פון זיך אַראָפּ אויפ׳ן טיש אַראָפּגעוואָרפען און אַ קאָרט געהויבען — און דער שוואַרצער פּיזשיק (איינער פון דער חברה) מעסט שוין אָן אויף זיך דעם פּאַלטאָ.

אַ ביטער שמייכעלדיגע גרימאַסע האָט זיך אויף יאַקוב׳ס ווילדען פּנים אויסגעלעגט... און אין איין רגע האָט ער דערזעהן פאַר זיך זיין שטוב, דאָ וואו ער קען שוין נישט קיינמאָל אַהין קומען... און אויפגעוואַכט האָט עס טיף אין האַרץ ביי איהם דאָס, וואָס איז בכח געווען אַמאָל קוים אַ שוואַכען מאַהן צו טהון, און באַלד אויפצוהערען. עס האָט איהם אָנגעהויבען ווערען אַזוי ענג... אַזוי ענג...

אונבעמערקט איז ער אַרויס פון שטוב, אַ ווינד האָט אין דער נאַכט שטאַרק געריסען; דורשטיג האָט ער זיך מיט דער גאַנצער קראַפט געלאָזט לויפען באַרג אַראָפּ, אַרויס פון געסעל, אויפ׳ן נאָהנטען פעלד, וואו ס׳האָט רוהיג און דרימעלדיג זיך דער שטאָט-טייך אין דער שוואַרצער נאַכט געגאָסען...

— — — — — — — —

חרטה איבער זיין שרעקליכער פערגאנגענהייט, שטאַרבט אָפּ דער קעניג. פון די געדיכטע וואָלקענס הייבט אָן אַרויסשיקען אַ בלאַסער זונען־שטראַהל, ווערענדיג העלער און העלער. זיין פרוי שלומית, וועלכע איז אינגאנצען דער היפוך פון איהר מאַן, זי ווערט הערשערין אין ישראל, און אין דער צייט פון איהר ממשלה הערשט רוה און פרידען אין הייליגען לאַנד, תורה און חכמה בעקומט צוריק די השפעה איבער׳ן אָפּיציעלען לעבען פון ישראל, וואָס איז אַזוי אומ׳רחמנותדיג געוואָרען גערודפ׳ט אין די יאָהרען פון איהר מאַן אַלכסנדר ינאַי.

די ערשטע שולען (דער חדר פון אונזערע אַלטע דורות) ווערען געשאַפען אין ארץ ישראל, און צובליהען זיך, עס זענען דען די טעג פון שלמה המלך צוריקגעקומען!? דאָך האַלט זי אויך די שווערד פון דוד המלך אין איהרע הענט. מוטיגע קעמפער פון אַלע טיילען ישראל׳ס דורכגעדרינגען מיט ליבשאַפט צום לאַנד, פעראייניגען זיך אַרום דער קלוגער הערשערין, פער־שאַפענדיג כבוד און רוהם דאָס פאָלק ישראל, מיט אַ דרך ארץ פון די אַרומיגע שכנים.

ווי אַ גן עדן־ווינקעל אין אַוויסטען מדבר, און ווי אַליכ־טיגקייט אין מיט׳ן אַפינסטערער נאַכט, האָסטו אַרויסגעשיינט פאַר אונז אויף אַ ווילע אין דער צייט ווען דו גרויסע, פרוי שלומית, האָסט געקיניגט ביי אונז, יודען. און דו שלומית ביזט ביי אונז פערבליבען דער סימבאָל פון דער יודיש־אָריגי־נעלער הערשערין!

## מרים — די לעצטע חשמונאָערין.

יוחנן הורקנוס! אַלס מעכטיגער מלך ערשיינסט דו פאַר אונז, דו האָסט פערברייטערט די גרענעצען פון לאַנד ישראל, דו האָסט מנצח געווען מיט דיינע אַלע מלחמות, וואָס דו האָסט מיט די אַלע אַרומיגע „שכנים" געפיהרט און אין דיין צייט האָט זיך דאָס יודענטום אָנגעפולט מיט דער ריכטיגער אונבעגרעניצטער פרייהייט אַלס אַ זעלבסשטענדיגע נאַציאָן מיט כבוד פון די מלוכות אַרום זיך, און דאָך האָסטו פערשוועכט די קדושה פון דער היי־ליגער מלחמה: דו האָסט אַנאונגליקליכען שידוך אויסגעפיהרט, די „אַדומער" האָסטו פערקנס׳ט מיט די יודען און שפעטער האָבען זיי אונז פערראַטען, אַריינרופענדיג די „רוימער" צו אונז און דורך דער פרעמדער הילף, האָט זיך איינער פון אדומ׳ס אָפּשטאַמונג מיט געוואַלד די קרוין פון דער מלכות׳דיגער פאַמיליע צוגענומען און זיך אַליין אַוועקגעזעצט אויפ׳ן כסא המלכות.

צי האָסטו ליבער יוחנן־הורקנוס, געוויסט די פאָלגען דער־פון, דאָס הורדוס דער טיראַן, וועט דיינע אייניקלעך און דיין משפחה טויטען און איינע, די לעצטע פון דיין אַריסטאָקראַ־טישער חשמונאים־משפחה וועט ער אַלס „זכר" לאָזען לעבען און זיין „ליבע" צו איהר שענקען? אַך! צו איז דען בעסער הור־דוס׳עס ליבע מיט זיינע טויט־בעפעהלען? איין פערגלייך...

מיט דער קרוין פון־יהודה—דורך „אַנטיגונוס" און אָקטאַווי־יעס הענד, פערלאָבט ער זיך מיט דעם לעצטען צאַרטען צווייג פון די חשמונאים, מיט מרים... איהר ברודער דעם יונגען און ליבפולען זיבענצען־יעהריגען אַריסטובול, וואָס פלעגט בעשיינען די יודען—אַלס כהן גדול—ביי דער עבודה פון יום כפורים אין בית המקדש, האָט דער גרויזאַמער הורדוס דורך זיינע אַגענטען און זשאַנדאַרמען געלאָזט דערטרינקען. איהר פאָטער דעם רוהיגען און שטילען הורקנוס, וועלכער האָט אַנ׳אומגליקליך לעבען גע־פיהרט, דעם דאָזיגען זקן, לאָזט ער אומברענגען פון דער וועלט, דאָך איהר, דער איידעלער מרים שענקט ער זיין אויפמערקזאַם־קייט...

ער, דער ווילדער רוצח, וואָס זיין קערפער איז געווען שמוציג בעפלעקט דורך איהר פאָטער׳ס און ברודער׳ס בלוט, דורך דעם בלוט פון איהר משפחה, דורכ׳ן בלוט פון די פרושים און חכמים, דער אַכזר מיט קינ׳ס רציחה־שטערן, ער זאָל זי ערווער־בען? צו איז עס נישט גרויזאַמער ווי געשטאָרבען דורך יסורים?

...און די צאַרטע בלום, די שענע מרים, וויל טאַקי נישט אַזאַ ציניש לעבען. זי ברויך עס נישט, זי פאַלט אַראָפּ פון דער הויך און ווערט טויט, נישט וועלענדיג אַ שאַנד־לעבען פיהרען!*)

עס שטאַרבט די לעצטע פון דער חשמונאים־משפחה, האָט זי אויסגערופען, און ווער עס זאָגט, איך בין פון דער חשמונאים־פאַמיליע דער איז אַ שקלאַף! דאָס איז געווען איהר לעצט וואָרט!

*) לויט דעם תלמוד בבא־בתרא דף ר׳.

# די געשיכטע פון יהודית

(איבערזעצט אין יודיש פון מגילת יהודית)

א.

און עס איז געווען אין צוועלעפטען יאָהר פון קעניג נְבוּכַדְנֶצַר, וואָס איז געזעסען אין נִינְוֵה די גרויסע שטאָט און מעכטינע און עס האָט געקעניגט אַרְפַּכְשַׁד דער קעניג פון מָדַי און אַחְמְתָה די הויפט־שטאָט, דאָס איז עקבאַטאנא.

און ער האָט אַרומגערינגעלט די שטאָט מיט מויערן פון געהאקטע שטיינער, צו דריי איילען אין דער ברייט און זעקס איילען אין דער הויך.

און די הויך פון די מויערן זיבעציג איילען און זייער דיק — פינפציג. און טורעמס האָט ער געמאַכט אויף די טויערן פון דער שטאָט, הונדערט איילען הויך און זעכציג איילען אין פונדאמענט. און די הויך פון די מויערן האָט ער געמאַכט זי־בעציג איילען און זייער ברייט — פערציג, אַז עס זאָל זיין געראָטים זיין פול חייל ארויפצוגעהן און מלחמה האַלטען, די רייטער און די פוסגעהער. און עס איז געווען אין דידאָזיגע טעג האָט נבוכדנצר געפיהרט אַ מלחמה מיט אַרפכשד׳ן אין דעם גרויסען פליין, וואָס אויף די גרעניצען פון רעו. און אַלע איינ־וואוינער פון די בערג און די אַלע פעלקער. וואָס ביים ברעג פון די טייכען פְּרָת, חִדֶּקֶל און גִיחוֹן און אראק דער קעניג פון עֵילָם און פיל פאָלק פון גִלְעָד זענען איהם געקומען צו הילף. און עס האָט געשיקט דער קעניג פון אַשור שליחים צו רופען די איינוואוינער פון פָּרַס און צו די איינוואוינער פון מַעֲרָב, דאָס איז קליקיא און דַמֶשֶׂק, און דער לבנון און דער כרמל, און דער גלעד און דער גליל און דאָס פעלד יִזְרְעֶאל, און צו די איינוואוינער פון שומרון און איהרע שטעט און צו די פעלקער, דאָס אויף יענער זייט יַרְדֵן ביז ירושלים און צו אַלע איינוואוינער פון גושֶן און מִצְרַיִם ביז צו די בערג פון קֵדָר, און די פעלקער פון דידאָזיגע לענדער האָבען נישט גע־וואָלט צוהערען דעם רוף פון מלך אַשור און זיי זענען נישט איהם געקומען צו הילף אין דער מלחמה, ווייל זיי האָבען נישט קיין מורא געהאט פאר איהם, און זיי האָבען צוריק געשיקט זיינע שליחים מיט חרפה און שאַנד אין זייער לאַנד אַריין. האָט דער צאָרן פון נבוכדנצר געברענט אויף דידאָזיגע לענדער און ער האָט געשוואוירען ביי זיין כסא־מלכותו זיך נוקם צו זיין אין זיי און צו פערוויסטען אַלע גרעניצען פון קליקיא, דמשק און אַרם. און צו דערשלאָגען מיט דער שווערד אַלע איינ־וואוינער פון עמון און מואָב, און דאָס גאנצע לאַנד יהודה און מצרים און אַלץ וואָס עס געפונט זיך אין דערמיט פון די צוויי־

# בלעטער פון מיין טאָג-בוך / שרה שעבירער

IV

אטרויריגע בשורה האָט דער היינטיגער טאָג געבראַכט פאַר עסטרייך, דער מדינה. דער קייזער פראנץ יאָזעף איז געשטאָרבען...

יאָ, אויך א קייזער, אפילו דער מעכטיגסטער הערשער פון אמלוכה שטארבט!

אָ, ווען אלע מלכים און שרים וואָלטען דאָס געדענקט, וואָלטען זיי אנדערש געפיהרט מיט לענדער און פעלקער. אַביסל ווייניגער אכזריות און מעהר מענשען-ליבע וואָלט אין זייער הארץ זיך געפונען...

---

עס קומט מיר אויפ׳ן געדאַנק דאָס, וואָס אונזערע חכמים דערצעהלען אין מדרש: „ווען דוד המלך פלעגט יעדע האלבע נאַכט אויפכאַפּען זיך פון שלאָף און געהן לערנען תורה פלעגט דער יצר-הרע אזוי איינטענה׳ן: „אַלע מלכים פון דער וועלט שלאָפען ביז האלבען טאָג און דו שטעהסט אויף צוועלף ביי-נאַכט?״ — און דוד המלך ענטפערט איהם: „איך געה דאָך אין טעאַטער״. טראַכט זיך דער יצר הרע: יאָ, דאָס ערלויב איך איהם. און דוד המלך קומענדיג אין בית-המדרש זאָגט צו זיך אַליין: „איז דען נישט דידאָזיגע ערדישע וועלט אינגאַנצען עהנליך צו אַ טעאטער-ביהנע? יעדער איינער האָט זיין ראָלע אָפּצושפּילען. דער קעניג מיט זיין גאָלדענע ריט, ווי דער אָרימאַן מיט זיין שוואַך שטעקעלע. און ענדיגט זיך דאָס לעבען-שפּיעל פאַלט דער פאָרהאַנג פאַר אַלע גלייך, נאָך דער סצענע דעקט צו די זעלבע ערד דעם רייכען קעניג מיט דעם אָרימען בעטלער צוגלייך. דאַגעגען פאר דעם, וואָס נעמט מיט מצוות און מעשים טובים, עפענט זיך פאַר יענעם מענש די נייע אייביגע וועלט״...

יאָ, אזוי האָט געדענקט דער מלך ישראל, וואָס אויף איהם ווערט געזאָגט: דוד מלך ישראל חי וקים...

---

אינצווישען זענען טעג און וואָכען אוועק און מיין אידעאַל האָט זיך איינציגוויז אָנגעהויבען פערווירקליכען. מיין ניי-געגרינדעטער פעראיין פון מיידלעך, האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען. איך האָב אויך געשאפען אַ ביבלאָטעק און אראָפּגעברענגט לעזע-ביכער פון פראַנקפורט, הירשס, לעהמאַנס א. א. וו.

איינאיינציגער געדאנק האָט אָבער מיין מוח שטארק בעשעפטיגט: צי וועט מיין אַרבייט עפּיס נושׂא פּירות זיין? איז דען צו גלויבען, אַז ביי עלטערע מיידלעך, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט שוין כמעט א אייגענע לעבענס-אַנשויאונג זאָל עפּעס געלונגען אויפצוטהון.

פונדעסטוועגען האָב איך נישט פערצווייפעלט ווייל די חברות פון דער אָרגאניזאציע האָבען, דאָך אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען אינטערעס פאַר דער זאך. און אין דער שטאָט קראָקא האָט געפונען א אָפּקלאַנג די נייע אָרגאניזאציע. (המשך קומט)

# פון שוועסטער צו שוועסטער

## מיר טאָרען נישט דערלאָזען!... / אסתר דאבראווסקא

וולאָצלאַוועק

עס איז נאַטירליך, דאָס געשיכטע אָפּעלירט מעהר צום געוויסען ווי רעאַלער ווירקליכקייט.

יעדעס געשעהעניש, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונזערע אויגען ווערט ווייניגער אָפּגעשאַצט אין דער געגעבענער שעה, ווי עס ווערען אָפּגעשאַצט געשעהענישען פון אַמאָל. עס איז עהנליך צו דעם, ווי אַ מענש קאָן נישט קוקען אין דער זון אַריין און אָבסערווירען איהר פּרעכטיגער שיינקייט, בעת די זון געפונט זיך אין איהר שטאַרקסטען ברען-פונקט. דאַגעגען ווען די זון פערגעהט כאַפּט מען ערשט דעם בליק אויף איהרע פייערדיגע שטראַהלען.

איך מיין דאָס אַ קעגען אונזער ערשט נישט-לאַנג פאָרגעקומענער בנות-קאָנפערענץ אין לאָדז. דאָס געשעהעניש געהער* שוין אייגענטליך אויך צום עבר, אָבער דאָך, אַז פאַר די אויגען שיינט פאָר דאָס בילד פון דער קאָנפערענץ, רופט זיך נאָך סטיכיש אויס דער: „אַשרי עין ראתה כל אלה״!

ווי האַלט עס אָבער מיט אונזער אַרבייט?

ווער פון אונז פערשטעהט דען נאָך אַלץ נישט, אַז נאָר דורכ׳ן פערשפּרייטען אונזער אָרגאַן דעם בית-יעקב-זשורנאל, פערפעסטיגען מיר אונזער בנות-אָרגאַניזאַציע. עס איז דאָך א פאַקט דאָס אין אַ גרויסע צאָהל שטעט איז נאָר אַדאַנק אונזער געדרוקט וואָרט געלונגען פאַר אונזער געדאַנק די ברייטע מאַסען פון בנות ישראל צו געווינען.

ווי טרויריג ווערט אויפ׳ן האַרצען ווען מען לייענט די מעלדונג פון דער רעדאַקציע „דאָס פון די שטעט וואו עס געפינען זיך נישט קיין צעהן אַבאָנענטען, וועלען נישט זיין געדרוקט קיין קאָרעספּאָנדענציעס״.—הייסט עס, אַז עס זענען נאָך פערהאַן שטעט וואו ס׳עקזיסטירען ב״י שולען און דער זשורנאַל האָט נישט אפילו די קליינע צאָהל, לכה״פ צעהן אַבאָנענטען! לאָזט זיך טאַקי נישט דאָס פערבעסערען?

קאָן עס דען מעגליך זיין אַז אַ לעהרערין אָדער סתם אַ בנות-עסקנות זאָל אפילו אַזאַ קלייניגקייט נישט קענען אויספיהרען?

איך ווייס פון דער פּראַקטיק אַז עס איז נישט אַזוי! אויך אין אונזער שטאָט איז אין אָנפאנג געווען אַ ביסעל שווער חאָטש מעהר ווי צעהן אַבאָנענטען איז באַלד פון דער ערשטער התחלה געווען. איצט האָבען מיר ב״ה אַ פיל פערגרעסערטע צאָהל אַבאָנענטען פון זשורנאַל, און מיר זעהן ערשט איצט, די גרויסע בעדייטונג דערפון, וואָס אונזערע ב״י בלעטער ווערען געלייענט דורך אַ גרויסע צאָהל לעזער און לעזערינס..

זייט דער צייט וואָס אונזער בית-יעקב-זשורנאל קומט אַריין אין פיל יודישע הייזער, איז שטאַרק פערברייטערט געוואָרען די סימפּאַטיע און איבערגעגעבענהייט, אַזוי גוט צו אונזער שול, ווי צו אונזער בנות-אָרגאניזאציע.

חברות! לאָמיר-זשע אַלע געדענקען אין אונזער פליכט!

בית-יעקב-זשורנאַל איז דאָך אונזער טריבונע, און ווי גרויס קאָן חלילה זיין דער בזיון, אַז צוליב אַ ביסעל נאַכלעסיגקייט פון דער אָדער יענער פּערזאָן, זאָל אונזער אָרגאַן, נאָך אַזוי פיל שווערע מיה מצד דער רעדאַקציע און די אַרויסגעבער, מוזען ליקווידירט ווערען...

מיר טאָרען דערצו נישט דערלאָזען און נאָר אין יעדען פון אונז איז עס אָפּהענגיג: די צאָהל אַבאָנענטען מוזען כאָטש אויף דאָפּעלט פערגרעסערט ווערען!!!

# דער № 50 פון זשורנאַל–אַ יובל-ציהרונגס-אויסגאַבע!!!

מיר האָבען בעשלאָסען דעם קימענדיגען נומער פון אונזער בית-יעקב-זשורנאַל (טבת) צו פייערן אַלס יובל-אויסגאַבע (פינפציגסטע העפט).

עס איז דער ערשטער פאל אין דער געשיכטע פון אָרטאָדאָקסישען פרעסע-וועזען, אַז א פעריאָדישע אויסגאַבע זאָל פלאַץ האַלטען זיבען יאָהר צייט, און דערפיהרען צו א פ י נ פ צ י ג - ס ט ע ן נ ו מ ע ר! מיר מיינען דעריבער, אַז אַדורכגעהן אַזאַ געשעהעניש גלייכגילטיג, וואָלט אַוועקגערויבט פון אונזערע געטרייע לעזערינס, לעזער און פריינד, צו קענען אויסדרוקען, די פרייד וואָס בעהערשט אונז אלעמען אין אַזאַ מאָמענט!

מיר האָבען דעריבער זיך ענטשלאָסען נישט געקוקט אויף די פילע קאָסטען, מיט וואָס דאָס איז פערבינדען, אַרויסצוגעבען דעם קומענדיגען יובל-נומער אין א פילפאַך פערגרעסערטען פאָרמאַט און וועלענדיג זיין בעשיידען, זאָגען מיר נאָר: דער יובל-נומער וועט איבערשטייגען סיי אין תוכן סיי אין פאָרם אַלע גרעסערע נומערן פון אונזער זשורנאַל, וועלכע זענען נאָר ווען אמאָל ערשינען!

בכדי צו קענען אָפּשפּיגלען דאָס, וואָס בית-יעקב-זשורנאַל האָט אויף זיין אַקטיו צו פערצייכענען, גיבען מיר אויך אין קומענדיגען נומער אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג

ארכיון אסופות

### „וואָס דערציילען אונזערע לעזער און פריינד"

אין דער אָפּטיילונג, וועלען קענען דערציילען ב"י עסקנים, וואו דער זשורנאַל האָט אַרויסגערופען דער ערשטער די איניציאַטיוו, צו גרינדען א בית-יעקב-שול, לעהרערינס וועלכע זענען געקומען צו זייער בערוף, אַ דאַנק דעם זשורנאַל, בית-עסקנות אויף וועלכע דער זשורנאַל האָט געווירקט צו פעראינטערעסירען זיך מיט דער בנות-בעוועגונג, סתם-לעזערינס, וועלכע דער בית-יעקב-זשורנאַל האָט זיי בעוואויגען צו לייענען א געדרוקט יודיש וואָרט, און בכלל די וואָס האָבען ווען עס איז אַמאָל אַ גייסטיג פערגעניגען פון אונזער זשורנאַל. היות מיר זענען איבערצייגט אַז אַזאָלכע זענען פיל פערהאַן, בעטען מיר זיי טאַקי אין אונזער שמחה זיך מיטצובעטייליגען און נישט זשאַלעווען אַ בריף צו אונזער יובל-פייערונג. פאַר יעדען בריף וועט ווערען אָפּגעגעבען דאָס געהעריגע אָרט!

לעזער און פריינד! גרייט אייך אויפצונעמען דעם יובל-נומער וואָס וועט גלייכצייטיג זיין דער ערשטער נומער פון בירגערליכען יאָהר 1930 און דער ערשטער נומער פון צווייטען קוואַרטאַל פון יאָהר תר"ץ.

מיר זענען פול מיט האָפנונג, אַז אונזערע פריינד אין יעדען אָרט וועלען מיט גרויס שמחה אויפנעמען, אונזער פרעהליכע בשורה און אונזער יובל-אויסגאַבע וועט פון אַלע דערוואַרט ווערען מיט שפּאַנונג!

כסלו תר"ץ.

**רעדאַקציע בית-יעקב-זשורנאַל לאָדז**

הארכיון היהודי


שוין אַרויס פון דרוק!

די נייע קינדער-פאָרשטעלונג אויף פורים

**אסתר און אחשורוש**

(פינף אַקטען)

פון שרה שענירער

— פרייז פון 3 עקז. 2 זל. 20 גר. —

ווענינגער ווי דריי עקז. ווערט נישט געשיקט!

עס ווערט נישט געמאכט קיין שום אויסנאהמען און עס ווערט נישט געפיהרט קיין שום קאָרעספּאָנדענץ וועגען דעם. נאָר די וואָס וועלען דורך פּ. ק. אָ. 65.613 איינשיקען 2 זל. 20 גר. וועלען בעקומען געשיקט די 3 ביכלעך תיכף!


## אכטונג!

ביי יעדער שיקונג פון געלט, בעטען מיר אויף דער צווייטער זייט פון פאָסט-אָפּשניט, אונבעדינגט צו צושרייבען אויף וואָסאַרע צוועק דאָס געלט ווערט געשיקט. דאָס שיקען געלט אָהן יעדער צושריפט איז גורם טעותים אין אונזער פינקטליכער בוכפיהרונג. אַלע געלטער דארפען געשיקט ווערען נאָר דורך פּ.ק.אָ. 65.613 חוץ די געלטער פון תרומת-חברה, וואָס דאַרפען געשיקט ווערען אויף פּ. ק. אָ. 65.500.


לייענט די ניי-ערשינענע בראָשור

**די אָרגאַניזירונג פון בנות אַג"י**

רעדאַגירט און ארויסגעגעבען דורכ'ן צענטראַלען סעקרעטאַריאַט פון בנות-אגודת-ישראל אין פוילען.

די בראָשור איז וויכטיג פאַר יעדען, וואָס האָט אינטערעס צו דער אָרגאַניזירונג פון די יודישע רעליגיעזע טעכטער אונטער דער פאָהן פון בנות-אגודת-ישראל.

אין דער בראָשור געפינען זיך מיינונגען פון אַגודה פיהרער און אָרטאָדאָקסישע שריפטשטעלער וועגען בנות אגודת-ישראל.

אין דער בראָשור געפינען זיך אויך אויסצוגען פון די רעדעס, וואָס זענען געהאַלטען געוואָרען אויפ'ן בנות-צוזאמענפאָהר אין לאָדז.

אין דער בראָשור איז אויך פערעפענטליכט, דאָס ערשטע מאָל, געטנוי און אויספיהרליך, דאָס פּראָגראַם, די גרונד-פרינציפען, א רעגולאַמין און אַרבייטס-פלאַן פון בנות-אגודת-ישראל, ווי אויך א גענויעם ארבייטס-פלאַן פאר דעם אָרטאָדאָקסישען קינדער-פערבאַנד.

אונזער בראָשור איז שעהן עסטעטיש אַרויסגעגעבען און האַלט 52 זייטען.

פרייז 1 זל. ביי 5 עקז. נאָר 3 זל. 25 גר.

אדרעס פאר געלט פּ.ק.אָ. 65.613



**די שענסטע חנוכה-מתנה פאַר יודישע קינדער!**

פאַר איינאיינציגע זלאָטע שיקען מיר אַרויס 2 ביכלעך „קינדער ביבלאָטעק" און אַ חנוכה-נומער פון קינדער זשורנאל „קינדער גאָרטען"

אַדרעס פאַר געלט: פּ. ק. אָ. 65.613.

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Grudzień 1929
„BAJS JAKOW"
Cena 1 Zł.
ROK VII zeszyt 3(49.)
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Aleksandrowska 28.
P.K.O. 65.613

מזל טוב — מזל טוב

## משה וואטשיאזש (לאדז) *** לאצע שטשעריינסקא (קראקא)
## — חתונה־געהאט —

קראקא, יוד כסלו, תר"ץ

מיר ווינשען א הערצליכען מזל-טוב אונזער געטרייעסטע און איבער-געגעבענסטע עסקנות לאצע שטשעריינסקא צו איהר התונה מיט ה' משה וואטשיאזש!
צענטראלע בית-יעקב, קראקא

מזל-טוב, פיל גליק, בליהענדע צוקונפט, עשירות, צופרידענהייט און גייסטיגע פערגעניגענס, ווינשען מיר אונזער געשעצטע פיהרערין און אונער-מידליכע מיטארבייטערין לאצע שטשעריינסקא צו איהר חתונה מיט'ן פרעזעס פון דער לאדזער „צעירי אגודת ישראל" ה' משה וואטשיאזש — מיר זענען שטאלץ אויף דיין רוהמפולער טעטיגקייט ביז איצט און ווינשען דיר מתוך הרחבה ווייטער פארטצוזעצען דיין הייליגע ארבייט פאר אונזערע הויכע שטרעבונגען!
זיי זוכה צו בויען יעקב'ס הויז וואו ס'זאל רוהען דער גייסט פון אגודת ישראל!
צענטראלע „בנות-אגודת-ישראל" אין פוילען
לאדז כסלו תר"ץ.

פון טיפען הארצען גיב איך אפ מזל-טוב מיין געטרייע מיטארבייטערין לאצע שטשעריינסקא צו איהר חתונה מיט ה' וואציאזש — זאלען זיי ביידע צוזאמען אונזערע הייליגע אידעאלען מיט גרויס ערפאלג פערשפרייטען.
קראקא — שרה שענירער און אלע סעמינאריסטינס

מזל טוב — מזל טוב

צו דער חתונה פון דער ג. פרל. שטשעריינסקא, ווינשען פיל גליק אין איהר נייעם לעבענס-וועג.
איהרע שילערינס פון ראבקא
הארש: גליקזאהן, בידערמאן און בוכמאן

צו דער חתונה פון אונזער שטאלצע אידעען-טרעגערין פרל. שטשעריינסקא ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב, פיל גליק און צופרידענהייט.
קראשניק: לעהרערין ש. אייכענבוים
בנות אגודת ישראל

א הארציגען מז"ט ווינש איך די מוטיגע קעמפערין פאר אונזער הייליגען אידעאל פרל. שטשעריינסקא צו איהר חתונה מיט ה' וואציאזש.
יאנאוו: צבי' זינגער

ברכת מזל-טוב חמה ולבבית למנהיגתינו היקרה מרת שצרנסקא תחי' מבורכת המורה רבקה איזראעלסקא וחברות ה„בנות"

פון טיפען הארצען ווינש איך מזל-טוב די אידעאלע און אונערמידליכע טרעגערין פון אונזער הייליגער פאהן לאצע שטשעריינסקא צו איהר חתונה מיט ה' וואציאזש — השי"ת זאל אייער עתיד בענשען מיט הימליש גליק.
זאווירטשע — ב"י לעהרערין ז. קעסטענבערג

צו דער חתונה פון אונזער פיהרערין פרל. לאצע שטשעריינסקא ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב.
ווישעגראד: אין נאמען פון פינפטען קורס ב"י
מאשא גאשינסקא, לאה פרידמאן.

צו דער חתונה פון מיין פריינדין לאצע שטשעריינסקא ווינש איך א הארציגען מזל-טוב. אייער נייער לעבענס-וועג זאל זיין בעצירט מיט בלומען פון אונזער הייליגען אידעאל.
ווישעגראד: לעהרערין הענדל ראגאווסקא

צו דער חתונה פון פרל. לאצע שטשעריינסקא מיט ה' משה וואציאזש, ווינש איך א הארציגען מזל-טוב אייער לעבען זאל איך פיל צופרידענהייט געבען.
ווארשא — אסתר גאלדשטאף.

א הארציגען מזל-טוב ווינש איך צו דער חתונה פון אונזער פיהרערין פרל. לאצע שטשעריינסקא. איהר לעבענס-וועג זאל זיין מיט גליק בעגלייט.
קראקא — טאבא לוקסענבערג

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פערדינסטפולע עסקנית פאר'ן ב"י און „בנות" פרל. לאצע שטשעריינסקא צו איהר חתונה מיט ה' וואטשיאיש.
זאווירטשע — בנות-ארגאניזאציע

א ברכה פולען מזל-טוב דער געטרייער קעמפערין פאר אונזער אידעאל פרל. לאצע שטשעריינסקא צו איהר חתונה.
אייער צוקונפט זאל בליהען אין גייסט פון אונזערע אידעאלען.
סקיערניעוויץ צירל (הארש) קערשטער

מזל-טוב
צו דער חתונה פון איינע פון אונזערע ערשטע פיאנערן פרל. לאצע שטשעריינסקא ווינשען מיר א הערציגען מז"ט און פרישען מוט ווייטער צו בויען דאס הויז פון יעקב.
בלאשקי — בנות-ארגאניזאציע
בית-יעקב-שילערינס
לעהרערין גליקסבערג.
פארזיצ. מ. טרויבע

צו דער חתונה פון דער פיהרערין פון אונזער בנות-בעוועגונג פרל. לאצע שטשעריינסקא. ווינשען מיר א הערציגען מזל-טוב.
באבניצע — „בנות אגודת ישראל"
פארזיצ. חי' גאסט

צו דער חתונה פון אונזער ליבער פרל. לאצע שטשעליינסקא, ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב. זאל איהר נייער לעבענס-וועג תמיד גליק בעגלייטען.
קשאנאוו — „בנות אגודת ישראל"
לעהרערין קליין.

צו דער חתונה פון פרל. שטשעריינסקא מיט ה' וואטשיאזש ווינש איך אייביג גליק און דער אלמעכטיגער זאל זיי העלפען בויען זייער הויז אין גייסט פון ישראל סבא!
בינה פרידמאן (דאמבראווא-גור)

פרל. לאצע שטשעריינסקא צו איהר חתונה ווינש איך א הערצליכען מזל-טוב — זכות הרבות תלוי' בה!
איהר געוועזענע שילערין און יעצט לעהרערין אין וואודיסלאוו — הדס קלוגער

מיר ווינשען א הארציגען מזל-טוב פרל. לאצע שטשעריינסקא צו איהר חתונה — זאל השי"ת דיין נייעם לעבענס-וועג בעגלייטען מיט גליק, רייכטום און אייביגע צופרידענהייט.
יאראסלאוו — בית-יעקב-שול
לעהרערין פייגא ראטענבערג

צו דער חתונה פון די ג. פרל. לאצע שטשעריינסקא מיט ה' וואטשאזש, ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב.
לאדזער ב"י לעהרערינס

Red. Lezer Gerszon Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקא 50 | Tłocznia J. Djament. Łódź, Kilińskiego 50

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 049 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 20 מתוך 20